ווּכטיק!!!

די ווײַטערדיקע אויסגאַבע פֿון מײַן טאָגבוך איז אַן אויסגעבעסערטע. עס איז געווען
אויסגעבעסערט פֿון רפֿאל פֿינקלען, ווער האָט עס האַרציק פֿאָרגעלייגט צו טאָן, און וועמס
פֿאָרלייג האָב איך אָנגענומען מיט פֿיל פֿרייד.                    נילקע – 9/19/06.

ייִדיש וואָך      8/30/06  –  8/21/06          אַן איבערלעבונג פֿון צען טעג

מאָנטיק –  דער 21סטער אויגוסט

מיר זײַנען אַרויסגעפֿאָרן פֿון אַטענס אַרום 9 אַ זייגער אין דער פֿרי, געקויפֿט עפּעס אין
Kroger's, איך קען ניט געדענקען וואָס, און זײַנען געווען אויף אונדזער וועג.

זיבן שעה שפּעטער זײַנען מיר אָנגעקומען אין Harrisburg, PA. אין דער פֿאַרגאַנגענהײַט
זײַנען מיר איבערגעפֿאָרן דאָס שטעטל  אויף אונזער וועג קיין Reading, אָבער קיין מאָל האָבן
מיר ניט געהאַט קיין גוטן תּירוץ פֿאַרוואָס מיר זאָלן זיך שטעלן דאָרט. אַ צימער האָבן מיר
געפֿונען אין דעם Comfort Inn, וואָס שטייט לעבן דעם טײַך Sosquehanna. האַריסבורג איז
די הויפּשטאָט פֿון פּענסילבאַניע. עס איז זייער אַ שוין שטעטל, ספּעציעל די פֿראָנט גאַס וואָס
גייט לענגאויס דעם טײַך. אַ שיינער לאַנגער פּאַרק איז דאָ צווישן דער וועג און דעם טײַך, און
לענגאויס דעם פּאַרק איז דאָ אַ וועלאָסיפּעד-וועגל, וואָס מיר האָפֿן צו באַניצן ווען מיר וועלן
קומען אַהין דאָס קומענדיקע מאָל. אַ סך בריקן פֿירן איבער דעם טײַך, און צווישן די זײַלן פֿון
איין בריק קען מען זען די זײַלן פֿון אַנדערע וואָס מאַכט זייער אַ שיינע פּאַנאָראַמע.
נאָך עסן וועטשערע וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט פֿון שטוב (טכינע מיט פּאָמידאָרן און גרינע
פֿעפֿער מיט פֿרישן ברויט),  זײַנען מיר אַרויסגעגאַנגען אויף אַ שפּאַציר אין פּאַרק און אַדורך
דעם פֿוסגייער-בריק צו דעם אינדזל פֿון שטעטל. מיר האָבן זיך אומגעקערט אין אונדזער
צימער מיד און גרייט צו גיין שלאָפֿן.

און עס איז געווען פֿרימאָרגן, און עס איז געווען אָוונט, איין טאָג.

דינסטיק – דער 22סטער אויגוסט

מיר האָבן טעלעפֿאָנירט בײַ מרים און גידעון  בן-יעקבֿ אַרום 8:30 ווען מיר זײַנען אַרויס פֿון
האַריסבורג, און מיר האָבן זיך אָפּגערעדט זיך צו טרעפֿן אויפֿן פּאַרקיר פּלאַץ פֿון דעם 18טן
אַרויסגאַנג אין New Paltz אַרום 12:30. אַזוי איז טאַקע געווען. כאָטש מיר האָבן זיי ניט
געזען אין די לעצטע 24 יאָר, איז עס געווען כּאילו (keile) מיר האָבן זיך געזען אַ וואָך פֿריער.

מיר האָבן געגעסן אַ געשמאַקן, וועגעטאַריש, אינדישן מאָלצײַט, און נאָכדעם זײַנען מיר
געפֿאָרן אין זייער הויז וואָס געפֿינט זיך אין אַ וואַלד בערך 30 אָדער 40 מינוט פֿון וואַנען מיר
האָבן זיך געטראָפֿן. זייער הויז איז אויסערגעוויינטלעך שיין מיט אַ סך גרויסע הויכע פֿענצטער
און מיט אַ וווּנדערלעכן לאַנדשאַפֿט וואָס לאָזט זיך זען פֿון יעדן איינער פֿון די פֿענצטער.
מיר האָבן געטרונקען טיי מיט קוכן און גערעדט וועגן כּלערליי געשעענישן וואָס זײַנען
געטראָפֿן בײַ אונדז אין די לעצטע יאָרן. אַרום 5:00 מיר האָבן זיך געזעגנט מיט זיי און זײַנען

אַוועקגעפֿאָרן קיין Williamstown  אין מאַסאַטשוסעטס, ווּ מיר זײַנען אָנגעקומען כּמעט 8 אַ זייגער. מיר האָבן באַשלאָסן גיך אַרײַנגיין אין דעם שיינעם האָטעל The Williams Inn. מיר האָבן זיך גיך פֿאַרשריבן, און אָן זען אונדזער צימער, אַנטלאָפֿן אין טעאַטער. צום גליק איז דער טעאַטער געווען נאָענט צום האָטעל און מיר זײַנען געקומען צו דער צײַט, פֿאַר דעם ווי די פּיעסע האָט זיך אָנגעהויבן. די פּיעסע "Double Double"  אָדער אויף יִדיש ״טאָפּל טאָפּל״ אַיז געווען ניט אין גאַנצן קלאָר. אין אָנהייב זעט מען זייער אַ שיינע, עלעגאַנטע פֿרוי אין זייער אַן עלעגאַנטער שטוב. זי ברייננגט אַרײַן אַ שמוציקן, פֿאַרווילדעוועטן אָנהיימיקן מאַן. בקיצור, וויל זי ער זאָל זיך אָנשטעלן פֿאַר איר געשטאָרבענעם מאַן בלויז אויף זעקס טעג, אונטערצושרײַבן זיך ווי איר מאַן וואָלט עס געטאָן, וואָלט ער נאָך געווען בײַם לעבן.  דאָס אַלץ איז כּדי צו באַקומען אַ ירושה פֿון צוויי מיליון דאָלאַרן. זי וועט געבן דעם אָרעמאַן אַ העלפֿט פֿון דער ירושה. אַזוי האָט זי געזאָגט. די צוויי אַקטיאָרן וואָס האָבן געשפּילט, Matt Letscher און Jennifer Van Dyck, האָבן געשפּילט אויסערגעוויינטלעך גוט און די פּיעסע האָט זיך אַנטוויקלט גיך און געווען פֿול מיט שפּאַנונג. עס איז געשריבן פֿון Roger Rees און Rick Elice, און איז געווען אָנגעפֿירט פֿון Roger Rees. די פּיעסע איז געווען געשריבן צוואַנציק יאָר צוריק און איבערגעזעצט אויף אַ סך שפּראַכן, אָבער פֿאַר אונדז איז עס געווען אין גאַנצן ניט באַקאַנט. נאָכדעם ווי די פּיעסע האָט זיך געענדיקט זײַנען דער רעזשיסאָר מיט די אַקטיאָרן אַרויף אויף דער בינע און דער עולם האָט זיי געפֿרעגט פֿאַרשיידענע פֿראַגעס. זיי האָבן זייער גוט געגטפֿערט אויף אַלע פֿראַגעס, אַחוץ איינע וואָס זיי האָבן אינגאַנצן געמיטן: ווי אַזוי קען דער זעלבער מענטש ליגן אַויפֿן דיל אין איין זײַט פֿון צימער און אין דער זעלבער צײַט שטיין און גיין אין דער אַנדערן זײַט פֿון צימער. דאָס איז געווען אַ ריכטיקער כּישוף.

און עס איז געווען פֿרימאָרגן, און עס איז געווען אָוונט, אַ צווייטן טאָג.

מיטוואָך – דער 23סטער אויגוסט

מיר האָבן זיך אויפֿגעוועקט אָן אַ וועקער און פֿרישטיק געגעסן אין צימער דאָס עסן וואָס מיר האָבן געבראַכט פֿון דער היים: יאָגורט מיט פֿרוכטן און קאַווע. דער מוזיי, Clark Art Institute עפֿנט זיך 10 אַ זייגער. ביז דעמאָלט האָבן מיר שפּאַצירט אין דעם שיינעם שטעטל. עס איז אַן היסטאָריש שטעטל מיט זייער שיינע בנינים. אַ סך פֿון זיי געהערן צום Williams College, דעם אָרטיקן אוניווערסיטעט.  מיר האָבן געהאַט גענוג צײַט זיך צו שטעלן אין אַ פֿײַן קאַווע הויז, זיצן דאָרט אויף אַ ווײַלע און טרינקען קאַווע מיט אַ לימענע צוקער-געבעקס (lemon bar). 10 אַ זייגער זײַנען מיר געפֿאָרן צום מוזיי. עס איז דאָרטן געווען אַ פֿאַרגייִיקע פֿאָרשטעלונג פֿון די ברידער קלאַרקס בילדער-זאַמלונג. עס איז געווען אַ ספּעציעלע פֿאָרשטעלונג אין דעם וואָס דער מוזיי האָט געקראָגן אַלע אָדער די מערסטע טייל פֿון די בילדער וואָס האָבן געהערט אַ מאָל צו די ברידער, אָבער הײַנט צו טאָג געהערן זיי צו אַנדערע פּריוואַטע מענטשן אָדער צו פֿאַרשיידענע מוזייען. מיר האָבן זיך ניט געשטעלט צו זען די פּערמאַנענטע זאַמלונג פֿון דעם מוזיי ווײַל מיר האָבן געדאַרפֿט זײַן אין דעם קאָפּייק לאַגער צו דער צײַט פֿאַר מיטאָג. מיר זײַנען אָנגעקומען צו דער צײַט פֿאַר מיטאָג. פֿון אָנהייב האָבן מיר געטראָפֿן אַלבערט פֿון פּאַריז, טובֿה׳לע און ליפּע פֿון אַרגענטינע, שיינדל און יוסל פֿון באָלטימאָר און עטלעכע אַנדערע. ספּעציעלע באַציונגען זײַנען אַנטוויקלט געוואָרן צווישן אונדז און די מענטשן. נאָך אַן אָריענטאַציע זײַנען מיר געגאַנגען אויף דער ערשטער אַקטיוויטעט. עס איז געווען מיט מלכן, אַ דרשה פֿון הרבֿ סאָלאָווייטשיקן צו זײַן מזרחי

באַוועגונג אין Atlantic City, אין יאָר 1961, וואָס איז געווען געלייענט און אַנאַליזירט פֿון אונדז. נאָך וועטשערע האָבן מיר געזען אַ פֿילם וועגן ייִדיש וואָך, געמאַכט פֿון פֿריערדיקע ייִדיש-וואָכן. נאָכדעם גיטל האָט געגרייט אַ פֿרעגעשלעג פֿאַר קלענערע און גרעסערע קינדער. סרוליק האָט געזען נאָכדעם דעם פֿילם וועגן ייִדיש אין ארץ ישׂראל אָבער איך בין געווען צו מיד און בין געגאַנגען שלאָפֿן. אינטערעסאַנט צו באַמערקן אַז די משפּחה שעכטער איז  זייער אַ באַרימטע און אַן אַקטיווע. מרדכי שעכטער איז אַ באַרימטער לינגוויסט. ער האָט געשריבן אַ וויכטיק ייִדיש לערנבוך און  אַנדערע ביכער. ער און זײַן פֿרוי האָבן גערעדט מיט זייערע פֿיר קינדער אויף ייִדיש און געפֿאָדערט די קינדער זאָלן ענטפֿערן אויף ייִדיש. איצט רעדן זייערע קינדער מיט זייערע אייגענע קינדער אויף ייִדיש און אַזוי פֿון איין משפּחה איז געוואָרן אַ גאַנצער שבט וואָס רעדט ייִדיש (און זיי זײַנען ניט חסידים). דרײַ פֿון די שעכטער קינדער זײַנען געקומען מיט זייערע משפּחות. שׂרה-רחל איז געקומען מיט איר מאַן לייבל און מיט זייערע דרײַ קינדער. גיטל איז געקומען מיט איר מאַן מלך און מיט זייערע דרײַ קינדער. בנימין איז געקומען מיט זײַנע טעכטער און זון. ער איז דער מיזיניק און בן יחיד אין מרדכי שעכרטערס משפּחה. ער איז דער וואָס איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר VZMAY. ער איז אייכעט אַ פּיאַנע שפּילער, אַ קאָמפּאָזיטאָר און אַן אָנפֿירער פֿון קינדער און דערוואַקסענע כאָרן.

און עס איז געווען פֿרימאָרגן, און עס איז געווען אָוונט, אַ דריטן טאָג.

דאָנערשטיק – דער 24סטער אויגוסט

עס איז אונדזער מזל אַז מיר האָבן אַ געשריבענע פּראָגראַם, ווײַל אַנדערש וואָלט איך ניט געקענט געדענקען אַלץ וואָס איז געשען. 9:30  – אין דער לייענקרײַז מיר האָבן געלייענט, אָדער פּאַקטיש, שׂרה-רחל האָט געלייענט קורצע מעשׂיות פֿון יאָסל בירשטיינען פֿון דעם בוך ״דײַנע געסלעך – ירושלים״. נאָך דעם האָט יעדער איינער פֿון עולם געקענט זאָגן עפּעס, צוזאָגן, אַנאַליזירן אא״וו. 11:30 – מישנה שעור מיט רפֿאל פֿינקלען. אין דעם שעור לייענען מיר די מישנה פֿון בבא קמא: ״שניים אוחזים בטלית״. עס איז דאָ אַן איבערזעצונג אויף ייִדיש און נאָכדעם אַ דערקלערונג. נאָך דעם מיטאָג מאָלצײַט איז איזי געגאַנגען (איך מיין סרוליק) צו אַ קאָמפּיוטערײַ קלאַס און איך צו אַ פֿאָלקסטענץ קלאַס. 3:30 – ווי שאַפֿט מען אַ פֿאָלקסליד מיט רפֿאל פֿינקלען. ער האָט געגעבן עטלעכע כּללים און דער עולם האָט פֿאָרגעלייגט די רעשט: ווערטער און מוזיק. אַזוי איז אַרויסגעקומען אַ שיין ליד וועגן אַ מיידעלע וואָס רעדט צו איר ליאַלקעלע מיט דעם נאָמען ״מלכּה׳לע די ליאַלקעלע״. רפֿאל האָט צוגעזאָגט אויפֿצושטעלן דאָס ליד מיט די אַנדערע לידער וואָס זײַנע גרופּעס האָבן באַשאַפֿן אין פֿריערדיקע ייִדיש-וואָכן אויף זײַן וועב זײַטל. 5:30 – די דרשה פֿון הרבֿ סאָלאָווייטשיקן מיט מלכן.

נאָך וועטשערע איז עס געווען זייער אַ שיינער קאָנצערט. אַרײַנגענומען זײַנען געווען די פֿריפֿעטשיק זינגערס (אַ כאָר פֿון קינדער), דער ייִדיש פֿילהאַרמאָנישער כאָר פֿון ניו-יאָרק, בנימין שעכטער האָט באַגלייט אויפֿן פּיאַנע זײַן טעכטערל רינה וואָס האָט געזונגען און הענעך הירש  האָט געלייענט מיט אַ סך טעם פֿון שלום עליכמס ״מאָטל פּעסי דעם חזנס״. עס איז געווען אַ פּרעכטיקער אָוונט.

און עס איז געווען פֿרימאָרגן, און עס איז געווען אָוונט, אַ פֿירטן טאָג.

פֿרײַטיק – דער 25סטער אויגוסט

8:30 – פֿרישטיק. 9:30 – לייענקרײַז מיט שׂרה-רחלען.

אַלע מעשׂיות וואָס מיר האָבן געלייענט זײַנען מיר זייער געפֿעלן. זיי זײַנען זייער קורץ און זעען אויס ווי אַ בילד פֿון אַ מאָלער. לכל-הפּחות עטלעכע פֿון זיי זײַנען טאַקע ווי אַ בילד מיט אַלע פּרטים. מע קען זיי אָננעמען ווי זיי זײַנען כּפשוטו (קעפּשוטע) אָדער געפֿינען סימבאָלן און מעטאַפֿאָרן. צום בײַשפּיל, אין די מעשׂה "אַ שדכן" איז דער פּאָמידאָר אַ מעטאַפֿאָר אָדער אַ סימבאָל (איך ווייס ניט וואָס איז וואָס) פֿון געשלעכט (אפֿשר). די מעשׂה וואָס איך האָב באַזונדערש האָלט איז "אַ נײַער אָנהייב". עס איז זייער פּשוט, מיט אַ געזונטער הומאָר און מיט אַן אומגעריכטן סוף. אַ סאָרט פֿון אַן O'Henry מעשׂה. נאָך מיטאָג האָבן מיר געהערט וועגן ייִדיש לעבן אין דרום אַמעריקע, דערציילט פֿון אַסתּרן, ליפֿען און טובֿה'לען. מיר זײַנען געגאַנגען צו נאָך אַ משנה שעור מיט רפֿאלען און נאָך אַ סאָלאָווייטשיקס דרשה מיט מלכן.

פֿאַר וועטשערע איז סרוליק געגאַנגען דאַווענען מיטן אָרטאָדאָקסישן מנין און נאָך וועטשערע מיר האָבן געהאַט געסט אין אונדזער צימער פֿאַר טיי, שאָקאָלאַד און היים-געבאַקענע מאַרענגן מיט ניסלעך. אונזערע געסט זײַנען געווען: אַלבערט, טובֿה'לע און אסתּר, וואָס איז געקומען פֿון קובע אַ סך יאָר צוריק.

און עס איז געווען פֿרימאָרגן, און עס איז געווען אָוונט, אַ פֿינפֿטן טאָג.

שבת – דער 26סטער אויגוסט

נאָך פֿרישטיק זײַנען מיר (סרוליק, אַלבערט, טובֿה'לע און איך) געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר קיין קאָפּייק. מיר האָבן גערעדט וועגן פֿאַרשיידענע ענינים און דערציילט מעשׂיות.
אַלבערט האָט דערציילט וועגן דעם רבי וועמענס ווײַב איז געשטאָרבן. דער רבי איז געווען באַלד נאָך שבעה, און בשעת ער האַלט פֿאַר זײַנע תּלמידים אַ שעור, זעט ער דורכן פֿענצטער אַ שיינע מיידל, שיין איז זי ווי די וועלט. קוקט ער אויף איר. ער קען ניט אָפּלאָזן זײַנע אויגן פֿון איר. כאַפּט אים אַ תּלמיד און זאָגט: רבי דו ביסט אָט נאָך שבעה. זאָגט דער רבי: בײַ מיר אין האַרצן איז תּשעה-באָב, אָבער בײַ מיר אין הויזן איז שׂמחת-תּורה. האָב איך דערציילט אַן ענלעכע מעשׂה וואָס איך האָב געהערט ערגעץ אַנומלט (ניט לאַנג). אַ פֿרוי איז געזעסן לעבן אַן אָזערע. לעבן איר איז געווען אַ שיפֿל מיט כּלים פֿאַר כאַפּן פֿיש. דער וועלדערער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען און איר געזאָגט אַז זי וועט מוזן באַצאָלן אַ קנס ווײַל זי כאַפּט פֿיש אָן אַ דערלויב. האָט זי געזאָגט: איך כאַפּ ניט קיין פֿיש. איך לייען אַ בוך. האָט ער געזאָגט: אָבער האָסטו כּלים פֿאַר כאַפּן פֿיש. האָט זי געזאָגט: איך וועל דיר באַשולדיקן אַז דו האָסט מיך פֿאַרגוואַלדיקט. האָט ער געזאָגט: ביסטו משוגע? איך האָב דיך ניט גערירט. האָט זי געזאָגט: אָבער דו האָסט די כּלים.

(אַ שפּעטערע באַמערקונג –- דעם 16טן סעפּטעמבער האָבן מיר געקראָגן אַ בליץ-פּאָסט פֿון ליפֿען, וווּ ער שרײַבט אַז די מעשׂה וועגן דעם רבין וואָס איז געזעסן שבֿעה, האָט ער דערציילט אַלבערטן מיט אַ שעה פֿריער. "אַזוי גייט עס" ווי זײַן (ליפֿעס) טאַטע פֿלעגט זאָגן, "אַ מעשׂה האָט ניט קיין טאַטע, אָבער אַ יתום איז עס אויך ניט")

דער גאַנצער מאָרגן איז געווידמעט געווען תּפֿילה פֿאַר די וואָס געוואָלט דאַווענען. נאָכן שפּאַציר האָבן מיר איינגעלאַדן אונדזערע חבֿרים אויף טיי אין אונדזער צימער. שמועסן האָבן מיר געשמועסט ביז מיטאָג. נאָך מיטאָג האָבן מיר געהאַט אַ לייענקרייַז מיט שׂרה-רחלען און דערנאָך האָבן מיר געלייענט מיט גיטלען פּרשת השבוע פֿון יהואשן. נאָכדעם האָבן מיר אַרייַנגעטראָטן אין רפֿאלס קרייַז וואָס האָט געלייענט אַרטיקלען פֿון פֿאָרווערטס. צום סוף פֿון דער נאָכמיטאָג זייַנען מיר געגאַנגען צו אַ רעפֿעראַט וועגן באַשעוויס-זינגערן און געהערט כעלעמע מעשׂיות און אַ מעשׂה פֿון ב.ז. "פֿאַרוואָס האָבן די גענז געשריען?" צום סאַמע סוף האָבן מיר געהאַט סאָלאָווייטשיקס דרשה מיט מלכן. נאָך וועטשערע איז געווען אַ פֿאָרשטעלונג. האָבן געטראָטן חיים וואָלף, שיין בייקער און בנימין שעכטער. שיין, וואָס איז ניט קיין ייִד, האָט געמאַכט פּרעכטיקע צווייַ מאָנאָלאָגן פֿון שלום-עליכמען. חיים האָט געזונגען און בנימין האָט אים באַגלייט אויפֿן פּיאַנע. בנימין האָט אייכעט געזונגען אַ באַלאַדע פֿון פּרוכטן, גרינסן און בלומען וואָס ער האָט אַליין געשאַפֿט לכּבֿוד אַ בוך פֿון פֿלאַנצן געשריבן פֿון זייַן פֿאָטער, מרדכי שעכטער, אַזוי האָב איך פֿאַרשטאַנען.

יעדן אָוונט האָט די פּראָגראַם פֿאַרשיידענע פֿילמען ביז 12:00 בייַ נאַכט. אָבער מיר זייַנען צו מיד אַזוי שפּעט, און אַלע מאָל פֿאַרפֿעלן מיר די שפּעטע פֿילמען.

און עס איז געווען פֿרימאָרגן, און עס איז געווען אָוונט, אַ זעקסטן טאָג.

זונטיק – דער 27סטער אויגוסט

| | |
|---|---|
| 10:30 – 9:30 | לייענקרייַז מיט שׂרה-רחלען. |
| 10:45 | אַ רעפֿעראַט פֿון שבֿע צוקערן וועגן די געשיכטע פֿון "אויפֿן שוועל". |
| 2:30 – 1:30 | "ווי פֿירט מען אַ ליבע אויף ייִדיש" מיט רייזלען. |
| 3:30 – 2:30 | "ווי דערקענט מען אַ שרייַבערס דיאַלעקט" מיט הערשלען. |
| 6:00 – 5:30 | הרבֿ סאָלאָווייטשיק-שיעור מיט מלכן. |
| 8:30 – 7:30 | קאָמעדיע אָוונט. |

די קינדער און די דערוואַקסענע האָבן געגרייט און פֿאָרגעשטעלט עטלעכע לאַכערייַקעס וואָס זייַנען געווען זייער געראָטן און קאָמיש. אין איינע פֿון זיי, זייַנען געווען צווייַ רעפֿאָרטערן וואָס האָבן אינטערוויוירט פֿידל קאַסטראָן געשפּילט פֿון ליפֿען. זיי האָבן אויך אייַנגעלאַדן צו דער בינע זייַן כערורג און אים געפֿרעגט ווי זעט אויס קאַסטראָס מאָגן אויף דעם אולטרע סאַונד. האָט אַרויפֿגעקומען אַ פֿינף יאָריקע מיידעלע, דער כערורג, און באַוויזן דעם עולם אַ בילדל מיט אַ גרויסן פּלאָנטער אין מיטן. דער עולם האָט שיעור ניט געפּלאַצט פֿון געלעכטער.

דער הויכפּונקט פֿון דעם טאָג פּראָגראַם איז געווען שבֿעס רעפֿעראַט. זי האָט דערציילט וועגן דער טראַנספֿאָרמאַציע פֿון דעם זשורנאַל פֿון זייַן פּאָליטישער פֿאַרגאַנגענהייט ביז זייַן איצטיקן ליטעראַרישן כאַראַקטער. דער רעפֿעראַט וועגן שרייַבערס דיאַלעקטן איז געווען גאַנץ אינטערעסאַנט. עס איז אַ טעמע פֿאַר אַ PhD דיסערטאַציע. הערשל האָט געבראַכט משלים פֿון עטלעכע שרייַבערס. די דרשה פֿון הרבֿ סאָלאָווייטשיקן האָט זייער אַן אינטערעסאַנטן תּוכן מיט אַ סך משלים פֿון תּנ"ך און תּלמוד. דער מזל איז געווען אַז אין כּמעט אַלע קלאַסן

האָבן מיר געהאַט אָנטיילנעמערס וואָס האָבן גערעט פֿליסיק אַ פּרעכטיקן יִדיש און דערצו זײַנען זיי געווען ידענים (יאַדאָנים), ווי מאַרק וואָס איז אַ פּראָפֿעסאָר פֿון ליטעראַטור מיט אַ ספּעציאַליטעט פֿון יִדישער ליטעראַטור. עס איז ניט געווען קיין ווּנדער אַז ער האָט געקענט אָפֿט מאָל צוגעבן אינטערעסאַנטע פּרטים.

און עס איז געווען פֿרימאָרגן, און עס איז געווען אָוונט, אַ זיבנטן טאָג.

מאָנטיק – דער 28סטער אויגוסט

שׂרה-רחל האָט געדאַרפֿט אַוועקפֿאָרן פֿאַרן סוף פֿון דער יִדיש וואָך און דערפֿאַר האָבן מיר ניט געהאַט אונדזער לייענקרײַז מיט איר. סרוליק און איך האָבן באַשלאָסן צו קויפֿן יאָסל בירשטיינס בוך פֿאַר אונדזער פֿאַרגעניגן אין דער היים. אַנשטאָט דעם לייענקרײַז האָבן מיר געהאַט דעם לעצטן דרשה-שיעור מיט מלכן. צו פֿאַרסך-הכּלען (פֿאַרסאַכאַקלען) קען איך זאָגן אַז מלכס אויסקלײַב פֿון סאָלאָווייטשיקס דרשה איז געווען אַ גוטער. אָבער די דרשה איז ניט גרינג צו פֿאַרשטיין און איך מיין אַז ער האָט עס געדאַרפֿט רעזומירן אין זײַנע אייגענע ווערטער אויף אַ קלאָרן אופֿן איידער מיר האָבן אָנגעהויבן לייענען די דרשה בעת דעם שעור. עס האָט מיר זייער געהאָלפֿן אַז מלך האָט מיר געלאָזט נעמען די דרשה מיט זיך און זי אין גאַנצן לייענען אַליין. מיר האָבן געהאַט אונדזער לעצטן מישנה-שעור מיט רפֿאלן. די דינים זײַנען קאָמפּליצירט און ניט אַלע מאָל לייגן זיי זיך אויפֿן שׂכל. אפֿשר לערנען זיך משנה קען זײַן אַ גוטע לייזונג צו פֿאַרהיטן זיך פֿון דער אָלצהײַמערס קראַנקייט. אין מיטן פֿון פֿילם ״איטשע גאָלדבערג: אויב ניט נאָך העכער״, האָט זיך אָפּגעשטעלט די עלעקטריע און דאָס איז דווקא געווען זייער מזלדיק פֿאַר מיר ווײַל איך בין שיעור ניט אַנטשלאָפֿן געוואָרן. שפּעטער האָט עליע  גערעדט וועגן עולם-הזה און עולם-הבא בײַ פּרצן. נאָך וועטשערע איז פֿאָרגעקומען אַ טאַלאַנטאַרניע ווּ אַלע די וואָס האָבן געוואָלט אויפֿטרעטן האָבן געדאַרפֿט פֿריער פֿאַרשרײַבן זיך מיט סענדערן. סרוליק האָט געשפּילט אויף זײַן גאַרמאָשקע. ער האָט געשפּילט דעם ניגון וואָס באַגלייט דעם פּיוט ״ידיד נפֿש״. עס איז געווען זייער שיין און סרוליק האָט געקראָגן אַ סך קאָמפּלימענטן. רינה שעכטער האָט געשפּילט אויפֿן פּיאַנע און סענדערס טעכטערל האָט געשפּילט אויפֿן פֿידל מיט דער באַגלייטונג פֿון איר טאַטען. די אַנדערע וואָס האָבן אַ טייל גענומען האָבן געזונגען מיט דער באַגלייטונג פֿון סענדערן. מער ווי זיי זײַנען געווען גוטע זינגערס (עטלעכע פֿון זיי זײַנען געווען שרעקלעך) איז סענדער געווען  אַן אויסערגעוויינטלעכער באַגלייטער. בקיצור עס איז געווען זייער אַ שיינער און אַ פֿאַרווײַליקער אָוונט.

ווי עס איז געווען אונדזער לעצטן אָוונט, האָבן מיר זיך געזאַמלט אַרום דעם פֿײַער און געזונגען ״קומזיץ״ לידער און אַנדערע לידער. עס איז געווען שוין גאַנץ שפּעט ווען מיר (סרוליק, אַלבערט, טובֿה׳לע, ליפּע און איך) האָבן באַשלאָסן אַוועקגיין צו ענדיקן דעם אָוונט אין אונזער צימער. מיר האָבן געשטעלט אַ טישל אויפֿן באַלקאָן לעבן אונזער צימער און אַרויסגענומען טיי מיט אַלערליי גוטע זאַכן. שפּעטער האָט שײנדל זיך צוגעזעצט בײַ אונדז און מיר האָבן אַלע געשמועסט  און געשמועסט ביז מיר זײַנען געווען צו מיד צו שמועסן.

און עס איז געווען פֿרימאָרגן, און עס איז געווען אָוונט, אַן אַכטן טאָג.

דינסטיק – דער 29סטער אויגוסט

מיר האָבן זיך געזעגנט מיט אַלע אונזערע נײַע חבֿרים און אַוועקגעפֿאָרן. לויט אונזער אָפּמאַך מיט מרים און גדעונען האָבן מיר זיי טעלעפֿאָנירט פֿון דער וועג און נאָך אַ מאָל באַשלאָסן צו טרעפֿן זיך אין דעם זעלבן פּאַרקיר פּלאַץ ווו מיר האָבן זיך געטראָפֿן די פֿריערדיקע וואָך. און ווי דעמאָלט זײַנען מיר אויכעט דאָס מאָל געגאַנגען צום אינדישן רעסטאָראַנט עסן מיטאָג.

מיר האָבן באַשלאָסן צו טרעפֿן זיך דאָס קומענדיקע יאָר פֿאַר אָדער נאָך דער יִדיש וואָך. אויף אונזער וועג האָבן מיר זיך נאָך אַ מאָל אָפּגעשטעלט אין Harrisburg אין דעם זעלבן האָטעל ווי פֿריער.

און עס איז געווען פֿרימאָרגן, און עס איז געווען אָוונט, אַ נײַנטן טאָג.

מיטוואָך – דער 30סטער אויגוסט

מיר זײַנען געקומען אַ היים פֿרי גענוג אַרויסצונעמען די געהאַלטענע פּאָסט, און צו קויפֿן עסנוואַרג אין Kroger's. אין דער פֿאַרגאַנגענהייט האָבן מיר אָנטייל גענומען אין פֿאַרשיידענע טעטיקייטן אויף יִדיש אָדער וועגן יִדיש און אָפֿט מאָל זײַנען מיר געווען אַ ביסל אַנטוישט אָדער צוליב אַ קורס וואָס איז ניט געווען אין דעם ריכטיקן ניוואָ אָדער צוליב אַ רעפֿעראַט וועגן יִדיש וואָס איז געווען אויף ענגליש. פֿאָרנדיק אויף דער יִדיש וואָך האָבן מיר ניט געהאַט קיין אַנונג אויף וואָסזיך צו ריכטן און עס איז געווען אַ מחיה צו הערן יִדיש גערעדט אַרום און אַרום און צו רעדן בלויז יִדיש. די מאָלצײַטן זײַנען ניט געווען פּונקט פֿראַנסייזישע קוכערײַ און מעסערוואַרג און גלאָזוואַרג זײַנען ניט געווען די סאַמע עלעגאַנסטע (און אַ שאָד פֿאַר דער סבֿיבֿה זײַנען זיי טאַקע יאָ געווען), אָבער בסך-הכּל איז עס געווען אַן אויסערגעווײנטלעכע וואָך.

ע"ש. ליפּע האָט אונדז געשאָנקען אַ בוך וואָס ער האָט אַליין געשריבן אויף שפּאַניש מיטן טיטל "Herencia Artificial" וואָס איז טײַטש אויף יִדיש "קינסטלעכע ירושה". איך לערן זיך שפּאַניש און האָף צו קענען לייענען דאָס בוך אין גיכן.

און עס איז געווען פֿרימאָרגן, און עס איז געווען אָוונט, אַ צענטן טאָג.